יעקב גלאַטשטיין

# נישגוט=לאַפּיטוט האָט פאַרלוירן דעם מוט

ס'איז היינט טכויר-נאַכט אין בערכטעסגאַדן,
אַלע גאָרגלשניידער זענען געלאַדן
צו פאַרגיסן טרער נאָך טרער.
דאָס גאַנצע בלוטיקע געזינדל
פון באַנדיטישן ווער-איז-ווער
מוז פאַרגיסן טרער נאָך טרער.
הער גערינגפעט און געבעלספּוס,
ריבענקרויט און טייוולסקויט,
הימלערוואורשט און ביערדורשט,
שטינקענקעז און בויכנפרעס
גרעבצענזאָן און מאָרדענפאָן,
און אינמיטן, אויף אַ סקעלעטן-טראָן,
זיצט ער אַליין נישגוט לאַפּיטוט.
נישגוט-לאַפּיטוט האָט פאַרלוירן דעם מוט.
נישגוט-לאַפּיטוט איז קאַפּוט.

ער וויינט און ער רעוועט,
ער לאַכט און ער שרייט,
ער הוסט און ער ניסט,
און טופּעט מיט די פיס.
ער שפּרינגט און ער טאַנצט
און ער צופּט זיך זיין וואָנס,
און ער צופּט זיך און ער צופּט זיך
און ער צופּט זיך זיין וואָנס.
אַלעמען האָט ער באַפוילן קוילען,
— פאַרנעכטן דעם נעכטן,
שעכטן דעם געוועלטן
פאַרפינצטערן דעם היינט.
באַפוילן קוילען.
די גריעקן, די פראַנצויזן,
די כונכוזן און די רוזן,
טערקוזן און באַשיבוזן,
דענער, רומענער, איטאַליענער, בושמענער,
פּאָליאַקן, ליטוואַקן, קאָזאַקן, היידאַמאַקן,
כינעזער, יאַפּאַנעזער, פּאָלינעזער, פּאָרטוגעזער,
און די כאַלימודן און דאָנערוועטער טויזנטמאָל
די יודן.
דאָנערוועטער טויזנטמאָל, טויזנטמאָל די יודן,
באַפוילן קוילען —
און איצט איז ער קאַפּוט.
נישגוט-לאַפּיטוט האָט פאַרלוירן דעם מוט.

און דאָס גאַנצע געצנדינערישע געזינדל,
קניט און וויינט אין כאָר:
אַ וואַטאַן, אַ טאָר,
אַ דו גרויסער וואָנטאַנשמירער,
רעגירער, פירער,
הערשער, האַר,
אונדזערע קעפּלעך זענען אין געפאַר,
ראַטעווע נישגוטעלע, לאַפּיטוטעלע,
ס'ווערט ערגער מיט יעדער מינוטעלע,
ראַטעווע, גרויסער האַר.
אונדזערע העלדזלעך זענען אין געפאַר.

באָמבערס פאַרוואָלקענען די הימלען,
ראַקעטן צינדן אַ פריידיק פייער.
איינס, צוויי, דריי,
איינס, צוויי, דריי.
ס'שפּאַנען די באַפרייער,
קראַך-טאַראַראַך, בום, בום, בום.
ס'מאַרשירן אַרמייען אומעטום.
נישגוט-לאַפּיטוט האָט פאַרלוירן דעם מוט,
נישגוט-לאַפּיטוט איז קאַפּוט.

ס'הילכן עס ראַדיאָס פון אונטער דער ערד,
ס'צעטראָגן די בשורה רייטערס און פערד,
גערילאַ-קעמפער באַשרייבן די ווענט מיט זייער בלוט —
נישגוט-לאַפּיטוט איז קאַפּוט,
נישגוט-לאַפּיטוט איז קאַפּוט.